# וכל מאמינים

א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים

פרשת קורח תשפ"ב שנה ט | גליון מס' 438



בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן

ת.ד 102 בני ברק
פקס: 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

### נישט דערמאנען די יחוס פון קרח איז פאר אים א טובה

**"וַיִּקַּח קֹרַח בֶּן יִצְהָר בֶּן קְהָת בֶּן לֵוִי וְדָתָן וַאֲבִירָם בְּנֵי אֱלִיאָב וְאוֹן בֶּן פֶּלֶת בְּנֵי רְאוּבֵן"** (טז א)

רש"י זאגט (ע"פ תנחומא ד) די סיבה פארוואס די תורה רעכנט אויס די יחוס פון קרח נאר ביז לוי און דערמאנט נישט די נאמען פון יעקב, ווייל "שבקש [יעקב] רחמים על עצמו שלא יזכר שמו על מחלוקתם, שנאמר (בראשית מט ו): 'בִּקְהָלָם אַל תֵּחַד כְּבֹדִי'".

וואספארא נוצן וועט יעקב האבן פון דעם וואס זיין נאמען וועט נישט דערמאנט ווערן ביי די מחלוקת פון קרח, אלע ווייסן דאך אז קרח איז א אייניקל פון יעקב?

ענטפערט **רבי יוסף פיימער** סלוצקער רב:

נישט די אייגענע כבוד איז געשטאנען פאר די אויגן פון יעקב ווען ער האט געבעטן אז זיין נאמען זאל דא נישט דערמאנט ווערן, נאר זיין זארג אויף זיינע אייניקלעך - קרח ועדתו. ווייל עס איז דאך נישט דאס זעלבע די שטראף פון א בן גדולים וואס זינדיגט, צו דער שטראף פון איינער וואס קומט פון א פארשעמטע פאמיליע. דעריבער האט יעקב געבעטן "שלא יזכר שמו על מחלוקתם" - די פאקט אז זיי טראגן זיין נאמען זאל נישט צוגעלייגט ווערן אויף די זינד פון די מחלוקת און דאס וועט פארערגערן די שטראף.

'דרשות רבנו יוסף מסלוצק'

### אויב וואלט זיך קרח געלייגט שלאפן וואלט ער ניצול געווארן

**"וַיְדַבֵּר אֶל קֹרַח וְאֶל כָּל עֲדָתוֹ לֵאמֹר בֹּקֶר וְיֹדַע ה' אֶת אֲשֶׁר לוֹ וְאֶת הַקָּדוֹשׁ וְהִקְרִיב אֵלָיו"** (טז ה)

רש"י ערקלערט (ע"פ במ"ר יח ז) אז משה האט אפגעשטופט קרח ועדתו אויף אינדערפרי "שמא יחזרו בהם". **רבי פינחס** קאריצער ערקלערט ווייל קרח איז געווען א תלמיד חכם, און די חכמים זאגן (ברכות יט א) "תלמיד חכם שעבר עבירה בלילה, אל תהרהר אחריו ביום... שוודאי עשה תשובה", האט משה געטראכט אויב וועט ער אים אפשטופן אויף צומארגנ'ס וועט ער זיכער תשובה טון. אבער אין אמת'ן האט זיין עצה נישט געהאלפן, ווייל דער צייט פון טון תשובה איז פארן זיך לייגן שלאפן (ראה זוה"ק בפרשתנו קעח א), און קרח האט זיך נישט געלייגט אין יענע נאכט, נאר ארומגעגאנגען צווישן די אידן און זיי איבערגערעדט זיי זאלן זיך צושטעלן צו אים אין די מחלוקת אקעגן משה און אהרן (רש"י להלן פס' יט).

'אמרי פינחס'

### תפילת מנחה נוצט אויך פאר רשעים

**"וַיִּחַר לְמֹשֶׁה מְאֹד וַיֹּאמֶר אֶל ה' אַל תֵּפֶן אֶל מִנְחָתָם לֹא חֲמוֹר אֶחָד מֵהֶם נָשָׂאתִי וְלֹא הֲרֵעֹתִי אֶת אַחַד מֵהֶם"** (טז טו)

פארוואס האט משה דערמאנט פונקט 'מנחתם' און נישט 'קרבנם'?

טייטש **רבי ר' יהונתן אייבשיץ**:

א קרבן פון א בהמה ווערט נישט אנגענומען לרצון נאר אויב דער מקריב איז ראוי צו דעם, אנדערשט איז די 'מנחה' - א קרבן עני וואס האט נישט די מעגליכקייט מקריב זיין א בהמה, וואס ווערט אנגענומען אויך אויב דער עני איז נישט ראוי צו דעם. ווייל דער עני איז עס מקריב מיט א צובראכן הארץ, און עס שטייט דאך קלאר (תהילים נא יט): "זִבְחֵי אֱלֹקִים רוּחַ נִשְׁבָּרָה לֵב נִשְׁבָּר וְנִדְכֶּה אֱלֹקִים לֹא תִבְזֶה". וועגן דעם ווען קרח האט זיך געקריגט מיט משה, האט משה נישט געדארפט דאווענען נאר אויף די 'מנחה' וואס ווערט אנגענומען אויך פון רשעים, ווייל 'קרבנם' וועט זיכער נישט אנגענומען ווערן.

לייגט צו דער רבי ר' יהונתן, אז די מעלה איז נישט נאר ביי א קרבן מנחה, נאר אויך ביי תפילת מנחה וואס פון אלע תפילות נאר דאס אליין קען אנגענומען ווערן אויך פון א רשע'ס מויל. וויל די חכמים זאגן (שבת פט ב) אז לעתיד לבוא ווען הקב"ה וועט זאגן פאר די אבות הק' אז זייערע קינדער האבן געזינדיגט, וועלן אברהם און יעקב ענטפערן: "ימחו על קדושת שמך", און נאר יצחק וואס האט מתקן געווען תפילת מנחה (ברכות כו ב) וועט בעטן פאר זיי, ווייל יצחק האט דאך רחמנות געהאט אויך אויף רשעים, אזוי ווי ער האט ליב געהאט זיין זון עשו הרשע. וועגן דעם זאגן אויך די חכמים (ברכות ו ב): "לעולם יהא אדם זהיר בתפלת המנחה, שהרי אליהו לא נענה אלא בתפלת המנחה"; אויך אליהו, ווען ער האט געוואלט דאווענען אויף זיין דור וואס זענען נאכגעגאנגען נאך די נביאי הבעל, איז ער נישט געהאלפן געווארן נאר ביים דאווענען מנחה וואס נוצט אויך אויף די רשעים.

'תפארת יהונתן'

## פתחו שערים

די ווארט פונעם
גרינדער און נשיא פון 'בני אמונים'

### אלעס איז ניסים, גארנישט איז טבע!

אין לויף פון די לעבן, נישט איינמאל פאסירן ביי אונז געשעהענישן וואס ווען עס פאסירט קומט פלוצלינג ארויס פון אונזער מויל א רוף פון איבערראשונג: "אזא נס!". אין אונזער אונטערן-באוואוסטזיין איז אזא געשריי אוועקגעלייגט בלויז פאר אזעלעכע זאכן וואס פאסירן מיט אונז אין א איבערראשונג, אומגעראכטן. דער אמת איז אבער, אז אויב מיר וועלן זיך נאר אפשטעלן א מאמענט פון דעם געיעג נאך די געוואוינהייט און זיך מתבונן זיין, וואלטן מיר געדארפט שרייען און שרייען יעדע מינוט.

מיר אלע ווייסן פון די ווערטער פון רמב"ן (שמות יג): "מן הנסים הגדולים המפורסמים אדם מודה בנסים הנסתרים שהם יסוד התורה כולה, שאין לאדם חלק בתורת משה רבינו עד שנאמין בכל דברינו ומקרינו שכולם נסים אין בהם טבע ומנהגו של עולם".

א אפענע ביישפיל אויף די 'פארבארגענע נסים' איז די וואונדערליכע אקטיוו פון די קערפער-סיסטעמען וואס נאר א קליינע התבוננות אין דעם דארף צוברענגען צו א געוואלדיגע התפעלות אין יעדער מאמענט. כדי מיר זאלן זוכה זיין לויבן אויף דעם ווי עס דארף צו זיין, האבן די חז"ל מתקן געווען פאר אונז א באזונדערע ברכה - די ברכה 'אשר יצר' - וואס קאנצענטרירט אין קורצע אבער שטארקע ווערטער דעם וואונדערליכן נס.

די ברכה איז הודאה, אבער אין דעם ליגט אויך א געוואלדיגע בקשה וואס איז געוואנדן גראד צום 'כסא הכבוד' - "גלוי וידוע לפני כסא כבודך שאם יפתח אחד מהם או יסתם אחד מהם אי אפשר להתקיים ולעמוד לפניך". ווען מיר הייבן די אויגן ארויף צום הימל און רופן אויס מיט א פולן מויל: 'רבונו של עולם! מיר קענען אליין נישט אנגיין, אפילו איין סקונדע - "לישועתך קויתי ה'!", איז נישטא קיין גרעסערע בקשת רחמים פון דעם!

פון די גדולים איז מקובל אז מקפיד זיין אויף זאגן די ברכה 'אשר יצר' מיט כוונה איז א סגולה אויף רפואה. ווען איך בין געוואוינט עס אנרופן מיט ליבשאפט: "די ברכה פון 'רופא כל בשר'".

לאמיר אריינטראכטן, אויב די סגולה פון די ברכה איז אזוי גרויס, איז ענטפערן אמן אויף דעם על אחת כמה וכמה האט א באזונדערן כח, ווייל חז"ל זאגן דאך: "גדול העונה אמן יותר מהמברך".

אויב מיר וועלן מקבל זיין אויף זיך מקפיד זיין אויף זאגן די ברכה מיט די פאסיגע ערנסטקייט און אכטונג געבן אויף ענטפערן אמן נאך דעם, וועלן מיר זיכער זוכה זיין צו שפע ברכה און אלעס גוט'ס מעתה ועד עולם. אמן.

**מיט א תפילה "לפני כסא כבודך"**
**א גוט שבת**

יעקב דוד מארמארשטיין

# א תפילה אונטער א רעגן פון קוילן

דאס האט פאסירט אין דעם פערטן לעכטל פון חנוכה, אור לכ"ח כסלו תשע"ו, ר' שאול ניר מיט זיין ווייב, איינוואוינער פונעם אידישן קווארטאל, זענען געווען אויפן וועג צוריק פון א באזוך ביי זייער טאכטער און אייניקלעך וואס וואוינען אין איינע פון די שטעטלעך אין די שומרון געגענט, און אויפן וועג צו די שפיטאל באזוכן זייער אנדערע טאכטער וואס האט געבוירן א יונגל יענעם מיטאג למזל טוב.

געציילטע מינוט נאכדעם וואס זיי האבן זיך ארויסגעלאזט אויפן וועג איז מיטאמאל געהערט געווארן א אומגעווענליכן גערויש. עס האט זיי געדויערט וויניגער ווי א סעקונדע צו פארשטיין אז זיי זענען אנגעפאלן געווארן דורך באוואפנטע טעראריסטן. ר' שאול, וועלכער איז פארוואונדעט געווארן פון די שיסעריי, האט רואיגערהייט אוועקגעדרייווט די אויטא צו א זייט און אפגעשטעלט דעם מאטאר. א מאדנע פינסטערניש האט זיי ארומגענומען. פרוי ניר האט א קוק געטון אויף איר מאן וואס פנים איז געווען פארדעקט מיט בלוט און זיין האנט איז געווען נאכגעלאזט אויף די רעדל. "איך מיין אז איך בין פארוואונדעט געווארן" - האט ר' שאול געקרעכצט, "איך אויך" - האט די פרוי געענטפערט.

אויך ווען די אויטא איז שוין געווען געלעכערט



די מאשין פון די ניר פאמיליע נאך די אטאקע

ווי א זיפ, האבן זיך די שיסערייען נישט אויפגעהערט. ר' שאול'ס באוואוסטזיין האט אנגעהויבן אביסל פארנעפלט ווערן, און זיין ווייב האט שוין אנגעהויבן טראכטן אז אט יעצט גייען זיי ארויף לעולם שכולו טוב. עס האט איר ווי' געטון פון אירע קינדער וואס וועלן זיצן 'שבעה', און פלוצים האט זי זיך דערמאנט; אין דעם טאג וואס זיי וועלן אויפשטיין פון די שבעה דארף פארקומען די ברית פון די ניי געבוירן אייניקל וואס איז היינט מיטאג געבוירן געווארן...

דער דאזיגער געדאנק האט צובראכן איר הארץ און צוגעברענגט זיך אויפכאפן פון די שאק און שוידער, און טון וואס א איד טוט אין אזעלכע מאמענטן, - שרייען צו הקדוש ברוך הוא: "ריבונו של עולם, ביטע, טו אז די שמחה פון די קימפעטארן זאל נישט פארוואנדלט ווערן אין א צער, ביטע מאך אז מיר זאלן קענען אנטייל נעמען אין דעם ברית...". אינצ°ישן האט זי געמורמלט פסוקים פון תהלים, און אויך נישט פארגעסן צו דאנקען גאט אויף די גוטסק°ט און חסדים, וואס ער האט געטון און טוט מיט איר.

פלוצלינג איז געווארן שטיל. די שיסערייען האבן זיך אויפגעהערט. גלייכצייטיג האט זיך נעבען זיי אפגעשטעלט א מאשין, פון וועלכן עס איז ארויסגעקומען א אראבישער מאן, אנגעטון אין ליכטיגע קליידער. דער מענטש איז צו זיי צוגעגאנגען און זייער הארץ איז שיער נישט אויסגעגאנגען פון שרעק, איז ער דער שיסער?! דער מענטש האט געקוקט אויפן פארוואונדעטער און געפרעגט פון זיין ווייב אויף זיין נאמען. "שאול" - האט זי געענטפערט דערשראקענערהייט, און צו איר איבערראשונג איז יענער צוגעגאנגען צו דעם פארוואונדערטן און אים מילד בארואיגט: "שאול, שאול, זארג דיך נישט, אלעס וועט זיין גוט, דו וועסט זיין אין ארדענונג מיטן אויבערשטנ'ס הילף!".

דער אראבער איז געשטאנען נעבן זיי עטליכע מינוט וואס האט אויסגעזען ווי אייביג, ווען ער מוטיגט און ערוועקט דעם פארוואונדערטן, און ווען עס זענען ענדליך אנגעקומען די הצלה וואלונטירן פון דעם נאנטן ישוב, איז ער פארשוואונדן אן זאגן אווארט.

ערשט ארום צוואנציג מינוט שפעטער איז אנגעקומען אן אמבולאנס וואס האט מיט איילעניש אריינגעפירט ר' שאול צום נאנטסטן שפיטאל - 'מאיר' אין כפר סבא.

אויפן וועג צום שפיטאל, ווען די פאראמעדיקס האבן באטראכט זיינע שווערע וואונדן און זיין פארערגערטן צושטאנד, האבן זיי באשלאסן זיך אפצושטעלן אינמיטן וועג און אים אריבערפירן צו א 'טיפול נמרץ' אמבולאנס, וואס איז באלד אהין אלאמירט געווארן. נאך א קורצע אפשאצונג האבן די דאקטוירים באשלאסן צו פארן צו די 'בעלינסאן' שפיטאל, בדרך נס האט ר' שאול נאך אנגעיאגט איבערגעבן זיינע פרטים, און גלייך נאכדעם איז ער איינגאנצן צוזאמגעפאלן. אין שפיטאל איז ער אנגעקומען אין א גאר ערנסטער צושטאנד און איז באלד אריינגעפירט געווארן צו א קאמפליצירטע קאפ אפעראציע.

ביי די קאמפליצירטע אפעראציע האבן די דאקטוירים זיך געשלאגן אויף ר' שאול'ס לעבן, און ביים ענדע איז דער דאקטאר ארויס און מיט א באוואונדערדיגן פנים האט ער געזאגט פאר די פאמיליע מיטגלידער וואס האבן געווארט אינדרויסן: אייער טאטע האט געהאט א אפענע נס! אזא קויל האט געזאלט צוברעקלען דעם ביין פון זיין קאפ און אריינדרינגען אין זיין מח, אבער בדרך נס האט זיך עס אפגעשטעלט ביי די ביין. אזוי האט ער צוריק באקומען זיין לעבן במתנה.

שפעטער האט זיך ארויסגעוויזן, אז די ערנסטע וואונדן זענען געווען אין פוס. אבער אויך דארט האבן זיי געזען די קענטיגע השגחה עליונה, ווען די קוילן האבן אנגעטראפן א האלבער אינטש איבער און אונטער די געלענקן (מפרקים). א פאקט וואס האט אים געראטעוועט פון א אומהיילבארע שאדן.

נאך זייענדיג אויפ'ן וועג צום שפיטאל, האט פרוי ניר זיך געאיילט רופן עטליכע שטאב-מיטגלידער אין די ישיבות וואס איר מאן האט געהאט קשר מיט זיי און געבעטן זיי זאלן ארגאניזירן מנינים אויף תפילות אויף איר מאן'ס רפואה. "ער איז זייער שווער פארוואונדעט, און נאר תפילות קען אים העלפן" - האט זי געבעטן.

ערשט ווען זי איז אנגעקומען אין שפיטאל האט זי באמערקט אז דער טאשקע אויף איר קני איז דורכגעווייקט מיט וואסער, זי האט אריינגעקוקט אין דעם און געזען אז די פלאש וואסער וואס איז אינעווייניג איז אינגאנצן אדורכגעלעכערט פון די קוילן וואס זענען טאקע צו איר אדרעסירט געווארן... אין דעם בערזל האט זי אנטדעקט א מטבע פון צען שקלים וואס איז צולעכערט געווען פון א קויל. השי"ת האט מיר געגעבן חנוכה-געלט - האט זי געטראכט...

די דאקטורים וועלכע האבן איר אונטערגעזוכט האבן נישט געקענט איינהאלטן זייער וואונדער, פון די צענדליגער קוילן וואס זענען געשאסן געווארן ארום איר איז זי געשעדיגט געווארן נאר פון צוויי, איינס איז אריין און אר°ס דורכן פוס אן צו שעדיגן די ביין אדער א ערנסטע אדער. און דער צווייטער האט זיך איינגעהאקט אין די צירונג וואס איז געווען אויף איר האנט, און האט אביסל צוקריצט דעם גראבער פינגער.

פרוי ניר איז באלד באפרייט געווארן פון שפיטאל און האט זיך געאיילט זיך אויפהאלטן נעבן איר מאן וואס איז געלעגן אומבאוואוסטזיין, ווען די דאקטורים קענען נישט פעסטשטעלן צי זיין מוח איז געשעדיגט געווארן. אין לויף פון די קומענדיגע וואך האט מען אין צענדליגער ישיבות און כוללים געדאוונט און זיך אונטער גענומען קבלות טובות לרפואתו. און בניסי ניסים, נאך א וואך פון שפאנונג און אנגעצויגנקייט, אין טאג פון די ברית האט ער זיך ערוועקט.

פרוי ניר האט זוכה געווען אנטייל נעמען ביי די ברית אזוי ווי זי האט געדאוונט.

די ניר פאמיליע האבן זיך דערוואוסט איבער די גרויסקייט פונעם נס פון די אויספארשער פון דער 'שב"כ' וועלכע האבן אויסגעפארשט דעם אינצידענט. "ענק זענען געראטעוועט געווארן דורך א נס", האבן זיי געזאגט, "ענק זענען געשאסן געווארן דורך צוויי טעראריסטן וואס זענען געווען באוואפנט מיט שווערע וואפן און א ביקס. אויך ווען דו ביסט אוועק געפארן אין די זייט, זענען זיי דיר נאכגעלאפן און אנגעהויבן אויסליידיגן אלע זייערע קוילן אין אייער אויטא. אבער עס ווייזט זיך ארויס, אז דער אומבאקאנטער אראבער וואס מיר האבן ביז יעצט נישט געקענט דערגיין ווען ער איז, ער האט אפגעהאלטן זייערע פלענער, ווען ער האט אייך באשיצט מיט זיין אויטא און זיין קערפער".

"אפשר איז ער גע°ען אליהו מלאך הברית וואס איז געשיקט געווארן אונז צו ראטע°ען..." - האט פר° ניר געטראכט צו זיך. ווער ווייסט...

די קייט פון ניסים האט זיך מיט דעם נישט פארענדיגט; ווי געזאגט, ר' שאול איז שווער פארוואונדעט געווארן אויף זיינע פיס. די דאקטורים זענען געווען גאר פעסימיסטיש אויף זיינע אויסזוכטן צי ער וועט קענען גיין אזוי ווי יעדער. אין יעדנפאלס האבן זיי זיך געראכטן אז עס וועט אים נעמען עטליכע יאר ביז ער וועט זיך צו ערהוילן פון דעם, אבער למעשה, עטליכע מאנאטן שפעטער, שמחת תורה, איז ער שוין געטאנצן מיט די קהילה מיטגלידער ווי א יונגער בחור'ל. ויהי לפלא.

"געהערט פון איינעם פון די משפחה"

# ברכו אמוני

### א דערהויבענער בליק אויף די סדר הברכות

## די ברכה 'ולירושלים'

### די מקור פון די ברכה

דערנאך וואס ביי די ברכה 'על הצדיקים' האבן מיר געבעטן פון ה' ער זאל דערהייבן די כבוד פון די צדיקים, איז יעצט דאס פאסיגע צייט צו בעטן אויף בנין ירושלים, ווייל נאר ווען ירושלים וועט געבויעט ווערן און עס וועט דארט הערשן שלום, וועלן די צדיקים וואס האבן ליב ירושלים קענען דארט לעבן בשלווה, אזוי ווי עס שטייט (תהילים קכב ו): "שַׁאֲלוּ שְׁלוֹם יְרוּשָׁלָם יִשְׁלָיוּ [וועלן לעבן בשלווה] אֹהֲבָיִךְ" (מגילה יז ב; מהרש"א ח"א שם).

אזוי אויך, כל זמן די צדיקים זענען דערנידערט איז די שכינה זיך משתתף מיט זייער צער, וועגן דעם נאר דערנאך וואס מען בעט אז די קרן צדיקים זאל דערהויבן ווערן, קען מען בעטן אויף די גאולה. צוליב די קשר צווישן די צוויי ברכות הייבט זיך אן די ברכה מיט א אות ו' - "ולירושלים", ווי עס איז א המשך צו די פריערדיגע ברכה ('עיון תפילה' בסידור 'אוצר התפילות').

### די געבוי פון די ברכה

מיר טרעפן אין די ראשונים צוויי נוסחאות אויף די אנהויב פון די ברכה: עס זענען דא וואס הייבן אן: "תשכון בתוך ירושלים עירך" ('פירוש התפילות והברכות' לר"י בן יקר ח"א עמ' נז; 'אבודרהם'). אבער עס זענען דא וואס שרייבן מען זאל אנהייבן "ולירושלים עירך ברחמים תשוב" ('פירושי סדר התפילה לרוקח' סי' נה; טור או"ח קיח). אין סידור 'דעת קדושים' ערקלערט ער: בזמן הבית האט די שכינה גערוהט אין ירושלים און עס איז נישט שייך געווען צו בעטן אויף די שכינה זי זאל צוריק קומען, דעריבער האט מען אנגעהויבן די ברכה "תשכון בתוך ירושלים", און נאר דערנאך וואס די שכינה איז נסתלק געווארן ביי די חורבן האט מען געטוישט דער נוסח פון די ברכה אויף "ולירושלים עירך ברחמים תשוב".

אין די פארזעצונג פון די ברכה בעטן מיר: "ובנה אותה בקרוב בימינו בנין עולם". לכאורה וואלט מען צום ערשט געדארפט בעטן 'ובנה אותה' און נאר נאכדעם 'ותשכון בתוכה'?

נאר ביים אנהויב פון די ברכה בעטן מיר אויך אויפן זיך צוריק קערן קיין ירושלים של מעלה, אזוי ווי דער לשון "וירושלים עירך" איז מרמז, [אזוי אויך די אות ו' אנהויב די ווארט "וירושלים" איז אויף דעם מרמז אז מיר בעטן אויף נאך א 'ירושלים' - ירושלים של מעלה], און ווען ה' וועט זיך אהין צוריק קערן וועט ממילא מקויים ווערן דא אין ירושלים של מטה: "ובנה אותה בקרוב בימינו בנין עולם", ווייל אזוי האט הקב"ה געזאגט (תענית ה א): "לא אבוא בירושלים של מעלה עד שאבוא בירושלים של מטה" ('עץ יוסף' בסידור 'אוצר התפילות'; 'בנין שלמה' ח"ב או"ח סי' מה. וראה 'פירושי סידור התפילה לרוקח' סי' נה).

### די באדייט פון די ברכה

אין די ברכה בעטן מיר אויף בנין ירושלים. בעל 'שבט הלוי' ערקלערט אז די בקשה דא איז נישט אויף די עצם גאולה, ווייל אויף דעם זענען מיר פארזיכערט און מיר ווארטן אויף דעם אלע יארן. נאר דא בעטן מיר צוויי בקשות אויף די וועג וואו עס וועט געשען: א. "ולירושלים עירך ברחמים תשוב" - מיר זאלן אויסגעלייזט ווערן דורך מידת הרחמים. ב. "ובנה אותה בקרוב בימינו" - עס זאל שוין זיין במהרה אן קיין אפהאלט ('עבודת הלוי' תפילה עמ' שעה).

אין די המשך פון די ברכה בעטן מיר: "וכסא דוד [עבדך] מהרה לתוכה תכין". לכאורה די בקשה קומט אריין אין די קומענדיגע ברכה, ביי די ברכה "את צמח דוד"? און עס זענען טאקע דא אזעלעכע וואס זאגן נישט די בקשה (ראה 'ליקוטי מהרי"ח' סדר שמונה עשרה, שכך היא דעת הרמב"ם והאבודרהם), אבער אין ספר 'פרי עץ חיים' (שער העמידה יט) שטייט אז איינמאל האט דער אר"י הק' געקוקט אויף די שטערן פון איינעם וואס פלעגט אויסלאזן די שטיקל און האט אים געזאגט: "האסט נאך קיינמאל נישט געדאווענט א גאנצע שמונה עשרה"!

דער ב"ח (או"ח קיח) ערקלערט אז די בקשה איז א חלק פון די בקשה אויף בנין ירושלים. ווייל אין אנהויב בעטן מיר "ובנה אותה..." אויף בנין ירושלים און די בית המקדש בכלליות, און דאן בעטן מיר אז די 'כסא דוד' זאל דארט אויפגעבויעט ווערן, עס זאל זיין גרייט ווען ער וועט קומען דארט קעניגן, ווייל אין די אויפבוי פון די שטאט איז אריינגערעכנט אויפבויען א בית תפילה און א בית המלך.

### די בית המקדש ווערט געבויעט דורך אונזערע טעג

האדמו"ר רבי נפתלי צבי פון ראפשיץ ערקלערט אז די כוונה פון די בקשה "ובנה אותה בקרוב בימינו" איז צו בעטן אז הקב"ה זאל אויפבויען ירושלים 'בימינו', ד.מ. דורך אונזערע טעג. ווייל מיט דעם וואס דער מענטש דינט דעם באשעפער ווערט אויפגעבויעט ירושלים און די בית המקדש; "עס איז דא וואס בויעט אין איין טאג איין גאנצע שורה, און עס איז דא וואס לייגט איין ציגל, יעדער לויט זיין עבודה ביז עס וועט אינגאנצן אויפגעבויעט ווערן" ('זרע קדש' כי תצא). וועגן דעם ענדיגן מיר די ברכה מיטן זאגן "בונה ירושלים" - מיט א לשון הווה, ווייל עס ווערט אויפגעבויעט יעדן טאג דורך אונזערע מעשים ('דברי שמואל' בחוקתי).

דער 'שפת אמת' (דברים תרל"ד) ערקלערט אז דאס איז די כוונה פון חז"ל ווען זיי האבן געזאגט (ירושלמי יומא א א) "כל דור שאינו נבנה [בית המקדש] בימיו מעלין עליו כאילו הוא החריבו". לכאורה, עס איז דאך געווען דורות וואס די בית המקדש איז נישט אויפגעבויעט געווארן אין זייערע צייטן, כאטש עס איז געווען גרויסע צדיקים און קדושי עליון, איז וויאזוי קען מען זאגן אז די בית המקדש וואלט געדארפט חרוב ווערן אין זייערע צייטן? נאר די כוונה פון די חכמים איז צו זאגן אז ווען עס איז דא א נידריגער דור וואס עס איז נישטא איינער וואס איז מקבל אויף זיך דעם עול מלכות שמים ווי עס דארף צו זיין, און וועגן דעם ווערט נישט ווייטער אויפגעבויעט די בית המקדש של מעלה, "מעלין עליו כאילו הוא החריבו".

### די כוונה פון אמן

עס איז אמת אז דו וועסט אויפבויען ירושלים, און הלוואי דו זאלסט עס ווי שנעלער אויפבויען און צוריק קומען דארט רוען

# אוצר הברכות

## מאה ברכות אין די פרשה

"וַיִּתֵּן אֶת הַקְּטֹרֶת וַיְכַפֵּר עַל הָעָם; וַיַּעֲמֹד בֵּין הַמֵּתִים וּבֵין הַחַיִּים וַתֵּעָצַר הַמַּגֵּפָה" (יז יג)

אין מדרש רבה אין אונזער פרשה (יח כא) ווערט געברענגט אז אין די צייטן פון דוד המלך איז געווען א מגיפה וואס פון דעם זענען יעדן טאג געשטארבן הונדערט מענטשן, און כדי אפשטעלן די גזירה האט דוד המלך מתקן געווען מען זאל זאגן יעדן טאג 'מאה ברכות', אויף דעם איז מרמז דער פסוק (שמואל ב' כו א): "נְאֻם דָּוִד בֶּן יִשַׁי וּנְאֻם הַגֶּבֶר הֻקַם עָל" - "על" איז בגימטריה מאה.

לכאורה אויב די תורה האט אונז מגלה געווען אז קטורת האלט צוריק א מגפה, פארוואס האט אויסגעפעלט פאר דוד צו מתקן זיין א נייע תקנה און זיך נישט באגענוגט מיט מקטיר זיין קטורת אדער זאגן די 'פרשת הקטורת'?

ערקלערט דער מבי"ט: ווען דוד האט געזען אז יעדן טאג שטארבן פונקט הונדערט מענטשן, נישט מער און נישט ווייניגער, האט ער פארשטאנען אז דאס איז נישט

### א באזונדערע תקנה אויף די באזונדערע גזירה

קיין געווענליכע מגיפה וואס טויטעט מענטשן אן קיין סיסטעם און צאל, נאר דאס איז א גזרה צוליב א געוויסע סיבה. וועגן דעם האט ער אפגעמאכט אז אנדערשט פון א געווענליכע מגפה וואס קען אפגעהאלטן ווערן דורך מקטיר זיין קטורת אדער זאגן די פרשת הקטורת, אפשטעלן די גזרה פעלט אויס א עקסטערע תקנה - זאגן 'מאה ברכות' יעדן טאג.

'בית אלקים' שער התפילה פרק טז

**"וכאשר תקום מן הספר, תחפש באשר למדת אם יש בו דבר אשר תוכל לקיימו".**

## מאוצרות אמונים

### ענטפערן אמן נאך ברכות השחר

#### פארטיילן מיליארדן יעדן אינדערפרי

ווי באקאנט האט דער ראש הישיבה הגרא"ל שטיינמאן איינגעפירט אין זיין שטוב ביי די 'נץ' מנין, אז די מתפללים זאלן זאגן 'ברכות השחר' איינער פארן אנדערן. דער ראש ישיבה האט זיך אנגעהויבן אזוי צו פירן פלוצלינג אין איין אינדערפרי, ווען ביים ענדיגן איבערגעבן די קביעות'דיגע שיעור וואס ער פלעגט איבערגעבן פארטאגס פארן דאווענען, האט ער מעורר געווען די מתפללים אז יעדער פון זיי זאל זאגן די ברכות השחר הויך און אלע זאלן ענטפערן אמן, ווען ער אליין פירט זיך אויך אזוי. אזוי באשרייבט עס זיין תלמיד רבי אברהם קעסלער, בעל 'נוטרי אמן' (ח"ב עמ' 26):

"א שעה פאר ותיקין, די צייט וואס די מארגן-שטערן קומט ארויף, קומט פאר אין הויז פון מורנו שליט"א [זצ"ל] א שיעור אין מסכת זבחים. איין טאג האט מען דארט פארטיילט ריזיגע געלטער... 'מיליארדן - מיליארדן'! האט ער אויסגערופן... לאמיר זיך מחזק זיין, האט ער אנגעהויבן זאגן פאר די צוהערהער פון די שיעור; ארום א פערטל שעה פארן אנהייבן דאווענען זאל יעדער זאגן הויעך די ברכות השחר, און די צוהערהער זאלן ענטפערן אמן. און דא האט ער פארגעזעצט מיט א ברען און פלאם פייער איבער די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן, און דאס איז דער אינהאלט פון זיינע ווערטער...".

ווען מען דרייט זיך אויף דער וועלט פארשטייט מען נישט די חשיבות פון אמן, וואס איז ווערד מיליארדן מיליארדן, און מען טוט דאס נישט שעצן, אבער אין עולם הבא וועט יעדע אמן העלפן, און אויב עס וועט פעלן איין אמן, וועט מען עס שטארק פילן, ווייל אפילו איין אמן קען ראטעווען.

אמאל האבן אידן זייער מקפיד געווען אויף ענטפערן אמן און פלעגן זוכן צו ענטפערן נאך און נאך אמן, אזוי ווייט אז זיי פלעגן גיין פון איינעם צום צווייטן כדי צוהערן די ברכות און ענטפערן אמן. אזוי אויך פלעגן זיי זאגן די ברכות השחר אויפן קול כדי מען זאל קענען ענטפערן אמן אויף זיי, און דאס איז זייער א גוטע זאך ווייל דורך דעם זענען זיי מזכה אנדערע מיט מצוות.

#### צער אויפן דערלייגן אמן

האדמו"ר רבי שמחה רובין פון סאסוב - לאנדאן, האט געהאט א שטארקע גלוסטעניש און ליבשאפט צו ענטפערן אמן. ער פלעגט שטענדיג ארום גיין צווישן די מתפללים אין בית המדרש און ענטפערן אמן אויף זייערע ברכות. איינמאל האט פאסירט אז ער האט פארשפעטיגט מיט עטליכע מינוט, און ווען ער איז אריין אין שול האט דער ש"ץ שוין געהאלטן אינמיטן די ברכות השחר. א טיפער צער האט זיך דעמאלטס אויסגעשפרייט אויף דעם רבי'נס געזיכט אויפן פארפעלן איין געלעגנהייט פון צו ענטפערן עטליכע אמן'ס..." (קובץ 'קול התורה' חוברת נז עמ' קח).

## אגרות אמונים

### א בריוו פון א געטרייער לייענער

**צו די שטאב פון 'וכל מאמינים', איש איש בשמו הטוב יבורך.**

איז האב זייער הנאה געהאט פון די מאמר פון דער נשיא און גרינדער פון ענקער הויכגעשעצטן פאבריק - דער גרויסער 'בית היוצר' צו מחזק זיין דאס ענטפערן אמן אין דער גאנצער וועלט - וואו דארט האט ער געשריבן אז לויט וואס עס שטייט אין זוהר אז ברכה וואס איז נישט געענטפערט געווארן מיט א אמן איז נישט קיין שלימות'דיגע ברכה, איז נישט נאר דער וואס ענטפערט דארף נאכזוכן די אמן, נאר אויך דער מברך. אין אמת'ן קען מען זאגן אז דאס ליגט שוין אין די ווערטער פון רמ"א אין הלכות בציעת הפת (או"ח קסז ב): "והמברך יכוין לאמן שאומרים", און דער 'משנה ברורה' (שם כ) ערקלערט: "דורך דעם וואס מען ענטפערט אמן איז די ברכה חשוב'ער".

איך האב געטראכט אז דאס האט שוין געזאגט דער חכם מכל אדם (קהלת ד ט): "טובים השנים מן האחד אשר יש להם שכר טוב בעמלם", ד.מ. ביים זאגן א ברכה איז גוט עס זאל זיין צוויי און נישט נאר איינער [דער מברך], ווייל אזוי איז די ברכה בשלימות און "יש להם שכר טוב בעמלם" - פאר זיי צוויי, אויך דער מברך און אויך דער עונה.

איך ענדיג מיט א וואונטש און שעצונג

**מ. ווייס**

**חיפה**

מען קען שיקן בריוו צו די פאקס: 08-9746102
אדער צו די אימעיל אדרעס
9139191@gmail.com

## צדיק באמונתו

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא


הגרמ"י ליפקאוויץ זצ"ל

#### הגרמ"י ליפקאוויץ

#### כו סיון תשע"א

רבי מיכל יהודה ליפקאוויץ איז געבוירן געווארן אין יאר תרע"ד אין וואלאזשין צו זיין פאטער רבי משה דוד.

אין זיינע בחור'ישע יארן איז ער געפארן קיין ווילנא לערנען אין ישיבת ראמיילעס ביי דעם ראש ישיבה הרב שלמה היימאן וועמען ער האט געהאלטן פאר זיין רבו המובהק, און שפעטער אפילו ארויס געגעבן זיינע שיעורים אין ספר 'חידושי רבי שלמה'.

אין יאר תרצ"ה נאך די פטירה פון זיין טאטן, איז ער ארויף מיט זיין משפחה קיין ארץ ישראל און האט אנגעהויבן לערנען אין ישיבת חברון אין ירושלים, נאך זיין חתונה איז ער אריבער קיין בני ברק, וואו דארט האט ער זוכה געווען צו זיין פון די מקורבים פון מרן ה'חזון איש'.

ווען דער פאנאוויזשער רב האט געגרינדעט די פאנאוויזשע ישיבה קטנה פאר יונגע בחורים, האט ער געשטעלט ר' מיכל יהודה'ן צו פירן די ישיבה צוזאמען מיט הגראי"ל שטיינמאן ז"ל. אין לויף פון זעכציג יאר האט ער איבערגעגעבן שיעורים אין ישיבה און אוועקגעשטעלט טויזנטער בחורים, צווישן זיי רבנים, ראשי ישיבות און בארימטע תלמידי חכמים. זיינע חידושים האט ער ארויסגעגעבן אין די סעריע פון זיינע ספרים 'מנחת יהודה' על הש"ס. ער איז נפטר געווארן כ"ו סיון תשע"א און איז געקומען לקבורה אין בית החיים פאנאוויזש אין בני ברק.

### א סגולה אויסגלייכן די מחשבות

צוהערן צו חזרת הש"ץ אין א סידור, און ענטפערן אמן אויף יעדע ברכה, איז א געוואלדיגע סגולה אויסגראדן די מחשבה ('דרכי החיים' ח"א עמ' שלד).

### מאה ברכות ברענגט צו יראה

דער חיוב צו זאגן מאה ברכות יעדן טאג לערנען די חכמים ארויס פון דער פסוק (דברים י יב): "ועתה ישראל מה [מאה] ה' אלקיך שואל מעמך כי אם ליראה". עס זעט אויס, אז זאגן מאה ברכות דארף דעם מענטש צוברענגען צו יראת שמים, און וואספארא ווערד האט א ברכה וואס ווערט געזאגט ווי א געוואוינהייט און אן צולייגן קאפ. דער מענטש דארף זיך אפשטעלן בעפאר ער הייבט אן זאגן כדי ער זאל וויסן וואס ער גייט זאגן, און בשעת די ברכה זאל ער אינזין האבן פירוש המילות ('דרכי החיים' ח"א עמ' שמד).